Historical Jewish Press (JPress) of the NLI & TAU

נטייה, 10.05.1925, page 4

ג. קופער.

מיין רייזע איבער גאליציען.

(ענדע פון דאָנערשטאָגדיגען נומער).

ביים רבינ'ס וואכעדיגען טיש.

אין דער צייט ווען אנדערע גוטע אידען פיהרען „טיש" אום שבת און אין יום-טוב, האַלט דער באָבאָווער, אז אויך אין דער וואכען דארף מען פיהרען „טיש" און זאָגען תורה. ער פיהרט טיש יעדען טאג. איבריגענס, איז היינט א שטיקעל יום-טוב אויך: איינער א חסיד איז געוואָרען בר-מצוה, האָט אנגעהויבען לעגען תפילין. דעם רבי אליין דאָט איהם געלערנט ווי אזוי מען דאַרף וויקלען די רצועות און מען דאַרף קושען די תפילין — און די ישיבה-בחורים פיהלען זיך אין זיבעטען הימעל. דער בר-מצוה-אינגעל טיילט יעדען אומזיסט א פאַפיראָס, און די בחורים, אינגלעך פון 10 יאהר, חאַפען די פאַפיראָסען און פיפקען.

דער רבי עסט אנבייסען. א יונגער [illegible] טראגט איבער'ן בית-המדרש די מאכלים פון קיך; ער טראגט דעם טעלער בארשט אין דער הויך איבער אלע מענשען-קעפּ, און די בחורים שטעלען זיך אויף די שפּיץ פינגער און קוקען. [illegible] א מאָגעם איינדרוק מאַכט דער [illegible] ער איז א איד א „חוט-ציער", [illegible] אנגעטהון געהט ער נאָך [illegible] טראַגען הויזען [illegible]

די פיס האַלט ער אויף דער שטוהל, פאר איהם ליגט א גרויסע ליולקע ציבוק, נאָר אין דער לינקע שמעקט ערשט א סיגאַר.

ענדליך בענשט דער רבי. דער משמש וויל ארונטערנעהמען דאָס טישטוך מיט די ברעקלאך ברויט און חלה, נאָר די ישיבה-בחורים דערלאָזען עס נישט. די ברעקלעך פון רבינ'ס טיש זענען שיריים, און די בחורים חאַפּען גיך אראָב דאָס טישטוך און הויבען זיך אָן [illegible] ארום די ברעקלעך. ענדליך איז איינער שטאַרקער פון אלע און שיט זיך אן פולע הענט מיט ברעקלעך און וואַרפט אין מויל אריין. אנדערע לויפען צו און ווילען אויך א חלק. נאָר ער גיט נישט. ער בעהאַלט זיך אין א ווינקעל, ווי א הוהן, וואָס פּאַקט א ברעקעל און שרייט:

— אוי-טק!— כ'האָב מיך נישט געדערכט אויף אייך...

איצט הויבט דער רבי אן אננעהמען חסידים, קיין סך פרעמדע חסידים זענען נישטא. סך-הכל עטליכע יונגע לייט און איד. דער רבי נעמט אן די חסידים צווישען אלע בחורים.

— פון וואנען ביזטו?... פרעגט דער רבי א איד אנ'עלטערען?

— פון קיטעוו—זאָגט דער איד.

— ווי הייסטו?

— מרדכי שלום בן בת-ה' ...

— [illegible]?

— כ'האַנדעל.

— נו?

— כ'האָב נישט קיין פרנסה...

— דער אויבערשטער זאָל דיר העלפען...

אַט דאָס איז עס אינגאַנצען. דער חסיד לעגט אוועק אויפ'ן טיש א גילדען, און שלעפּט אַרויס פון קעשענע צוויי טיכלעך.

— וואָס איז דאָס?

— פאַר די ישיבה-בחורים...

א קלוגער איד, דער חסיד פון קיטעוו. הלואי וואָלטען אלע אידען געבראַכט נאָז-טיכלעך.

עס קומט צו א צווייטער איד. די זעלבע פראַגען פון רבי'ן.

ענדליך קומט מיין רייהע. דער רב בעטראַכט מיך און זאָגט מיר נישט „דו" נאָר „זיי".

— וואָס ווילען זיי ווינשען?

— צי וואָלט מען נישט געקענט רעדען מיט'ן רבי'ן אליין, אהן זייטיגע מענשען?

— א-א!— נו, ער הייס זיי דען דאָ שטעהן?..

דאָס איז א אנצוהערעניש, אז די בחורים דאַרפען אוועקגעהן. נאָר זיי איילען זיך נישט און בלייבען אויף די ערטער—איך וואַרט און הויב נישט אן מיין געשפרעך ביז דער רבי זאָגט צום עולם:

— נו!..

און אלע געהען אַרויס, בלויז די גבאים בלייבען.

— וואָס ווינשען זי?

— איך בין א צייטונגס-קאָרעספּאָנדענט. איך וואָלט וועלען האָבען א געשפרעך מיט'ן רבי'ן.

— וואָס קען מען דען ביי מיר זיך דערוויסען? איך בין דער זעלבער איד, וואָס אלע.

— וואָס פאַר א ציעל האָט דער רבי מיט דעם, וואָס ער פערזאַמעלט די יונגע בחורים'לעך און אינגלעך?

— ציעלען?— איך האָבע קיין צילען—זאָגט דער רבי — עס קומען צו מיר בחורים, קומען זיי!

— מאַגין ריכטיג. אבער קיין בעוועגונג קומט נישט בלויז פון זיך אליין. אויב ביי קיין רבי'ן זעהט מען נישט קיין יוגענד-בעוועגונג, נאָר ביי אייך, איז דאך מסתמא פאַרהאַן עפּעס דערביי.

— איך האָבע דאך שאָן איהנען געזאָגט — איך טהו גאַרנישט. חסידים קומען—קומען זיי.

— טראַכט איהר אויך, רבי, פאַר דער עקאָנאָמישער זייט פון די בחורים?

— וואָס הייסט?

— נו, עס לערנען ביי אייך הונדערט בחורים; הונדערטער קומען און פאָהרען אוועק; דאָס זענען דאך אלץ יונגע מענשען, וואָס געהען ערשט אויף דער וועלט, זיי וועלען דאך דאַרפען לעבען...

— דאָס איז א הימעל-זאך. דערצו קאָנען מיר נאָר נים צוטראַכטען. מיר דאַרפען טהון אונזערס — לערנען תורה און דאַווענען — דער רבונו של עולם טהוט זיינס און גיט אידען פרנסה.

— באַקומט אייער ישיבה שטיצע?

— ווידער די זעלבע געשיכטע: איך טהו קיין זאך נישט. שיקט מען געלד פון אמעריקע, שיקט מען. — —

דער רבי שמייכעלט צופרידען.

— וואָס רעכענט איהר, רבי, צו טהון עפּעס פאַר די אידען אין איצטיגען קריטישען מאָמענט?

— וואָס מיינען זי?

— נו, איהר ווייסט דען נים, אז מען טרייבט זיי אַרויס פון די פאַבריקען, פון די בענק, פון די [illegible].

— וואָס קאָן איך דען טהון?

— איך מיין נים אייך פּריוואַט; איך מיין אייך אלס גוטען-אידען.

— וואָס קאָנען די אידען טהון? מיר קאָנען גאַרנישט טהון.

— פאַרוואָס נים? אַט מיט עטליכע יאָהר צוריק, נאָך די מלחמות און פּאָגראָמען, האָבען די אַמעריקאַנער אידען זעהר א סך געשטיצט זייערע ברידער. הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרס זענען איבערגעשיקט געוואָרען אויף דער זייט ים. איצט דאַרפען מיר אליין עפּעס טהון פאַר זיך.

— וואָס-זשע קאָנען מיר טהון?

— פערשידענעס. אַט טהוען דאך עפּעס די פאַרמעגענדיגע אידען; יעדער אויף זיין אופן: מען גרינדעט קיכען, מען שאַפט בילינע קרעדיטס, מען גיט מאַשינען פאַר בעלי-מלאכות, מען זאָרגט פאַר יתומים, פאַר אימיגראַנטען. איינער איז א סאָציאַליסט, א צווייטער, א ציוניסט. די גוטע אידען, די אנפיהרער פון די פרומע אידען דאַרפען דאך עפּעס אויך געבען א טראַכט וועגען דער לאַגע פון די אידען.

ער פערטראַכט זיך, דער רבי, און [illegible]

— וואָס הייסט ציוניסט? מיר האָבען דען נים ליעב ציון? ווער זאָגט דען אזוי פיעל מאָל „ותחזינה עינינו בשובך לציון" ווי מיר?

— איך זאָג אייך נישט, אז איהר זאָלט דוקא זיין א ציוניסט. איך מיין נאָר, אז אויך די גוטע אידען וואָלטען שוין געמעגט אָנהויבען עפּעס טהון.

— מיר קאָנען גאַרנישט טהון — זאָגט דער רבי. מיר די פרומע אידען זענען די אָרעמסטע, די נרדפ'סטע. אונז פעהלט דאך א דריטעל לעבען...

— וואָס מיינט איהר, רבי?

— נו, איינפאַך, שבת מוזען מיר היטען. זונטאָג נויט מען אונז צו היטען. קומט אויס, אז אונז פעהלט א קנאַפּ דריטעל פון לעבען...

איך פּרובּיר פערפיהרען נאָך אנדערע שמועסען, (מכח די „שלומי אמוני ישראל") נאָר דער רבי ענטפערט:

— איך וויל נישט זאָגען נעגען, ווייל אויב מען איז נעגען עפּעס, איז מען ממילא פאַר אנ'אַנדער זאך, דאָס הייסט שוין פּאַרטייאישקייט, און איך בין אונפּאַרטייאיש.

אין דעם קליינעם באָבאָווער הויפעל זענען אַמאָל גרויסע פאַמיליען-טראַגעדיעס פאָרגעקומען.

אין באָבאָווע רעדט מען ווינציג דערפון. מאַכענדיג א געשפּרעך מכח דעם מיט איינעם אנ'עלטערען איד, האָט זיך דער איד אַרויסגערעדט:

— גלייבער צווייגען—האָט דער אַלטער איד געזאָגט און אָבגעקערעצט.